ניו יארק סטעיט ביל אוו רייטס פאר

# קינדער און יונגווארג אין פאסטער קעיר

אלע יונגווארג אין קעיר האבן די רעכט צו וואוינען אין א זיכערע ענווייראמענט, האבן צוטריט צו עדיוקעישענעל ריסאורסעס, באקומען מעדיצינישע און גייסטישע געזונטהייט שטיצע סערוויסעס, און נישט זיין אויסגעשטעלט צו מיס-באהאנדלונג\אביוז, אויסנוצונג, אדער איינזאמקייט. ביטע ליינט די פאלגענדע ביל אוו רייטס צו לערנען מער איבער אייערע רעכטן ביים זיין אין קעיר.

**אלס א קינד אדער יונגע ערוואקסענער אין פאסטער קעיר אין די סטעיט פון ניו יארק, האב איך די רעכטן פאר די פאלגענדע:**

## אלגעמיינע רעכטן

1. צו וואוינען אין א היימליכע שטוב וואס קומט נאך מיינע באדערפענישן, און איז באזארגנד, געזונט, און פארזיכערט פון שעדליכקייטן. איך האב די רעכט צו האבן גענוג עסנווארג, פאסיגע קליידונג, און א פריוואטע ארט ווי איך קען זיכערהייט אוועקלייגן מיינע חפצים.
2. צו ווערן פלאצירט מיט א נאנטע קרוב אדער אן ערוואקסענער מיט וועם איך האב א שטארקע באציאונג אויב עס איז שייך צו צושטעלן פאסיגע באהאנדלונג און שטיצע ווען איך בין אין קעיר.
3. צו באקומען די הילף וואס איך דארף, אריינגערעכנט סיי וועלכע צוגענגליכע סערוויסעס.
4. צו ווערן באהאנדלט מיט יושר און מיט רעספעקט, און נישט ווערן אנדערש באהאנדלט נישט קיין חילוק ווער איך בין, ווי אזוי איך קוק אויס, מיין אפשטאם, אין וואס איך גלויב, וועם איך האב ליב, וויאזוי איך אידענטיפיציר זיך, אדער וואס איך קען טון.
   - דאס מיינט אז איך טאר נישט ווערן דיסקרימינירט באזירט אויף מיין ראסע, גלויבונג, קאליר, נאציאנאלע אפשטאם, יארגאנג, סארט (מאן\פרוי), מין אידענטיפיצירונג אדער מין אויסדרוק, סארט מיינונג, פארהייראטע סטאטוס, באגרעניצונג (פיזיש, גייסטיש, אינטעלעקטועל), אדער צוליב דעם וואס איך בין אין פאסטער קעיר.
5. צו ווערן באהאנדלט מיט יושר ווען איך מאך טעותים אדער איך פיר זיך נישט אויף ווי עס פאסט אדער פאלג נישט אויס די רולס.
   - מיין יארגאנג, באגרעניצונג, ערוואקסונג און אנטוויקלונג שטאפל, און מיין סאציאלע, פיזישע, גייסטישע, און מעדיצינישע געברויכן מוזן ווערן ערנסט גענומען אין באטראכט ביים באשליסן וואספארא קאנסעקווענצן זענען פאסיג.
   - סיי וועלכע קאנסעקווענצן מוז זיין שכל'דיג און צוגעפאסט פאר מיין אויפפירונג.
   - איך קען נישט האבן געצוימטע אדער נישט ערלויבטע פאמיליע באציאונגען אויף סיי וועלכן אופן אלס א שטראף פאר מיין אויפפירונג.
   - צו זיין פריי פון רשעות'דיגע, שעדליכע אדער אומוויכטיגע שטראפן, ווי למשל ווערן פיזיש ווײ געטון, איינגעשפארט אין א צימער, אפגעטיילט פון אנדערע; נישט ווערן ערלויבט קיין עסן, וואסער, אדער שלאף; אדער ווערן געלייגט צו שלאפן אין אן ארט ווי עס איז נישט געמאכט דערפאר.
6. צו אנטיילנעמען אין ענליכע אקטיוויטעטן און ערפארונגען ווי מיינע נאנטע וואס זענען פאסיג פאר מיין יארגאנג און אנטוויקלונג. דאס נעמט אריין זאכן ווי שולע אווענטן, ספארטס, זומער און ארבעט'ס ערפארונגען. איך האב אויך די רעכט צו ווערן געשטיצט צו קענען פרייערהייט פראקטיצירן מיין רעליגיע, קולטור און טראדיציעס.
7. צו באקומען, בחינם, א קאפיע פון מיין קאנסומער קרעדיט רעפארט א יעדעס יאר פון ווען איך בין 14 יאר אלט ביז איך פארלאז די פאסטער קעיר.
איך האב די רעכט צו באקומען הילף צו פארשטיין די רעפארטן און פאררעכטן סיי וועלכע טעותים.
8. צו באקומען הילף צו איינגעבן פאר מיין דרייווער'ס פערמיט אדער לייסענס ווען איך בין אמווייניגסטנס 16 יאר אלט און\אדער איינגעבן פאר א נאן-דרייווער'ס ID ווען אימער.
9. צו באקומען פאסיגע, פריוואטע לעגאלע הילף מיט מיין אימיגראציע סטאטוס.
10. צו באקומען א קאפיע פון מיין פאראייניגטע שטאטן געבורטס סערטיפיקאט, סאושעל סעקיוריטי קארטל, העלט אינשורענס אינפארמאציע, מעדיצינישע רעקארדס, עדיוקעישענעל רעקארדס, און א דרייווער'ס לייסענס אדער סטעיט-ארויסגעגעבענע אידענטיפיקאציע קארטל, אויב בארעכטיגט.
11. צו מסכים זיין צו פארבלייבן אין פאסטער קעיר נאדעם וואס איך ווער 18 יאר אלט ביז איך ווער 21 יאר אלט.
12. צו ווערן צוגעגעשטעלט מיט א פערזענליכע טראנזישען פלאן בעפאר איך פארלאז פאסטער קעיר ביים ווערן 18 יאר אלט אדער עלטער וואס אדרעסירט מיינע געברויכן און נעמט אריין אינפארמאציע אויף האוזינג, העלט אינשורענס, עדיוקעישען, לאקאלע געלעגנהייטן פאר מענטארס, נאכאנאנדע שטיצע סערוויסעס, ארבעטסקראפט שטיצע, און עמפלוימענט סערוויסעס.
13. צו ווערן אינפארמירט אז איך קען פארלאנגען צו צוריקקומען צו פאסטער קעיר צווישן די יארגענג פון 18 און 21 יאר.
   - צוריק אריינקומען צו פאסטער קעיר איז א מעגליכקייט נאר אויב איך פארלאז קעיר נאכדעם וואס איך ווער 18 יאר, אדער איך פארלאז קעיר ביי די 16 און איך ווער היימלאז, אדער אויב איך האב א ריזיקע פון ווערן היימלאז אויסער אויב איך קער זיך צוריק צו פאסטער קעיר.
14. צו געבן א פארם וואס האט באוויז אז איך בין געווען אין פאסטער קעיר אויב איך פארלאז קעיר ביי די 18 יאר אדער עלטער און געווען אין קעיר פאר אמווייניגסטנס זעקס מאנאטן.
15. צו ווערן אינפארמירט אז איך בין מעגליך בארעכטיגט פאר נאכאנאנדע העלט אינשורענס דעקונג ביז איך בין 26 יאר אלט נישט קיין חילוק ווי לאנג איך בין געווען אין פאסטער קעיר.
16. צו וואוינען מיט, זארגן פאר, און מאכן באשלוסן פאר מיינע קינד(ער) אויב איך בין אן עלטערן אויסער אויב די געריכט זאגט אז איך קען נישט.

## באזוכן

17. צו זען מיינע עלטערן כאטשיג יעדע אנדערע וואך אויסער אויב זיי האבן פארלוירן די עלטערן'ס רעכטן, אדער אויב די געריכט אדער אגענטור האט געזאגט אז די באזוכן זענען נישט פארזיכערט. איך האב די רעכטן צו אנרופן מיינע עלטערן ווען אימער איך וויל.
18. צו וואוינען מיט מיינע געשוויסטער. אויב איך וואוין נישט מיט מיינע געשוויסטער, דאן האב איך די רעכט זיי צו באזוכן אויף א רעגולערע אופן אויסער אויב די געריכט זאגט אז איך קען נישט. אויב איך קען נישט, דאן האב איך די רעכט צו וויסן פארוואס.

## עדיוקעישאן

19. צו פארבלייבן אין מיין יעצטיגע שולע אויסער אויב  מיין אגענטור באשליסט, מיט מיין צושטימונג, אז צו טוישן שולעס וואלט געווען פאר מיינע בעסטע אינטערעסן.
20. צו באקומען הילף אין אידענטיפיצירן פאנדינג פאר עדיוקעישען און טרעינירונג, און צו אויספילן און אריינגעבן אפליקאציעס פאר פינאנציעלע הילף, גרענטס, סטודענט לאונס, און אפליקאציעס פאר קאלעדזשעס און וואקעשענעל פראגראמען וואס זענען אין אדער אינדרויסן פון ניו יארק סטעיט.



NEW YORK STATE
Office of Children and Family Services
Pub. 2001-YI (Rev. 09/2023)

## העלט קעיר

**21.** צו באקומען געזונטהייט סערוויסעס אזוי אפט ווי עס באדארפט זיך, אריינגערעכנט מעדיקעל; דענטעל; וויזשען; מענטעל און ביהעיוויערעל; און סעקשועל, דזשענדער רעספאנסיוו, און ריפראדאקטיוו סערוויסעס.

**22.** צו ארויסגעבן מיינע געפילן איבער וועלכע סארט קעיר איך באקום און ווער עס געבט עס פאר מיר.

**23.** צו ווערן איבערגעגעבן פאר מיר מיין מעדיקעל אינשורענס אינפארמאציע און אינפארמאציע איבער העלט סערוויסעס דערנעבן און ווי אזוי זיך צו פארבינדן מיט זיי.

**24.** צו בעטן און באקומען הילף מיט סעקשועל, דזשענדער רעספאנסיוו, און ריפראדאקטיוו העלט קעיר, אריינגערעכנט קאנטרעסעפשען, אבארשען, פרינעיטעל קעיר און פריווענטיוו קעיר, און האב די רעכט צו זאגן וואס איך וויל אויב מיין מעדיצינישע פראפעסיאנאל באשליסט אז איך בין ערמעגליכט צו מאכן די סארט באשלוסן.

## פארמישט אינעם קעיס

**25.** צו וויסן די נאמען פון מיין קעיסווארקער און די קעיסווארקער'ס אויפזעער. איך האב די רעכט צו האבן זייערע קאנטאקט אינפארמאציע (אימעיל, טעלעפאן נומערן). איך האב די רעכט אז מיין קעיסווארקער זאל מיך קומען באזוכן אמווייניגסטנס איינמאל א יעדן מאנאט. איך האב די רעכט צו קאנטאקטן מיין קעיסווארקער און זייער אויפזעער אויב איך דארף. איך האב די רעכט צו רעדן מיט מיין קעיסווארקער אדער אויפזעער פריוואטערהייט.

**26.** צו וויסן ווער מיין אדוואקאט (אטוירני פארן קינד) איז און האבן די אדוואקאט'ס אינפארמאציע (אימעיל, טעלעפאן נומערן) אין פאל איך דארף קאנטאקטן מיין אדוואקאט. איך האב די רעכט צו קאנטאקטן מיין אדוואקאט ווען איך דארף און רעדן מיט מיין אדוואקאט פריוואטערהייט.

**27.** צו האבן מיינע רעקארדס און פערזענליכע אינפארמאציע געהאלטן פריוואט, אויסער ווי ערלויבט דורך די געזעץ. איך האב די רעכט צו פרעגן ווער עס קען זען מיינע רעקארדס און לערנען מער אינפארמאציע איבער מיר.

**28.** צו האבן א שטימע אין באשליסן מיין באשטימטע ציל.

- איך האב די רעכט צו אנטיילנעמען אין סערוויס פלאן איבערזיכט זיצונגען און זאגן וואס איך טראכט זאל זיין אין מיין סערוויס פלאן.
- איך האב די רעכט צו האבן אלע פלענער וואס נעמען מיר אריין צו ערקלערט ווערן אין א וועג וואס איך קען פארשטיין. איך האט די רעכט צו פרעגן פראגעס און פארלאנגען שטיצע, געלעגנהייטן, און סערוויסעס.
- אויב בין איך 14 יאר אלט אדער העכער,

  דאן האב איך די רעכט צו אנטיילנעמען אין קביעות'דיגע הירינגס אין געריכט.
- אויב בין איך אונטער 14, דאן קען דער געריכט באשליסן אז איך קען זיך נישט באטייליגן אדער קען נאר אנטיילנעמען אין א געוויסן אופן און איך האב די רעכט צו וויסן פארוואס. פונדעסטוועגן, קען איך נאך אלץ מיטטייל מיינע געדאנקען מיט מיין אדוואקאט.
- ווען איך בין 14 יאר אלט אדער העכער, האב איך די רעכט צו אויסוועלן צוויי מענטשן וואס זאלן זיין אויף מיין קעיס פלאנירונג טיעם. איך קען אויסוועלן פריינט, מענטארס, שטיצערס, טיטשערס, אדער סיי ווער עס איז נישט מיין פאסטער עלטערן, קעיס מענעדזשער, קעיס פלאנירער, אדער קעיסווארקער. מיין אגענטור מוז האבן א שטארקע סיבה פארוואס די מענטשן וועם איך האב אויסגעקליבן קענען נישט ווערן אריינגענומען.

## צו וועם זאל איך רעדן אויב איך שפיר אז מיינע רעכטן זענען נישט געווארן אויסגעפאלגט

אויב איך שפירט אז אייערע רעכטן זענען נישט רעספעקטירט דורך איינער פון אייער קעיס פלאנירונג טיעם, קענט איר דאס באריכטן. איר וועט נישט האבן קיין צרות אדער באשטראפט ווערן דערפאר.

***איר קענט:***

- ערקלערט אייערע זארגן פאר אייער קעיסווארקער, עלטערן אדער גארדיען, און מעגליך פאר די ריכטער ביי אייער קאורט קעיס. איר קענט בעטן צו רעדן מיט אייער קעיסווארקער פריוואטערהייט.
- פארבינדט אייך מיט אייער קעיסווארקער'ס

  אויפזעער און ערקלערט אים די סיטואציע. איר קענט בעטן צו רעדן מיט אייער קעיסווארקער'ס אויפזעער פריוואטערהייט.
- קאנטאקט אייער אדוואקאט (אטוירני פארן קינד). אייער שמועס מיט אייער אדוואקאט (אטוירני פארן קינד) איז גענצליך פריוואט. אייער אדוואקאט (אטוירני פארן קינד) קען נישט איבערזאגן פאר א צווייטן פון וואס איר רעדט אויסער אויב די אדוואקאט האט די רשות דערפאר אדער אויב אייער זיכערהייט איז אין געפאר (רעדט מיט אייער אדוואקאט דערוועגן).
- קאנטאקט די OCFS רעגיאנאלע אפיס.

  א ליסטע פון רעגיאנאלע אפיסעס קען מען געפינען ביי https://ocfs.ny.gov/directories/regional-offices.php.

***איך, ________________ , האב ערהאלטן א קאפיע פון די ניו יארק סטעיט ביל און רייטס פאר קינדער און יונגווארג אין פאסטער קעיר, און איך האב דאס איבערגעשמועסט מיט מיין קעיסווארקער, מיינע עלטערן (געבורט אדער אדאפטירטע) אדער גארדיען, און מיינע פאסטער עלטערן אויב עס איז נוגע. איך האב מיינע פראגעס פארענטפערט און פארשטיי מיינע רעכטן אויסגערעכנט אויבן.***

| | | |
|---|---|---|
| קינד\יונגווארג נאמען (פרינט) | קינד\יונגווארג אונטערשריפט | דאטום |
| קעיסווארקער נאמען (פרינט) | קעיסווארקער אונטערשריפט | דאטום |
| אויפזעער נאמען (פרינט) | אויפזעער אונטערשריפט | דאטום |
| עלטערן/גארדיאן נאמען (פרינט) | עלטערן/גארדיאן אונטערשריפט | דאטום |
| פאסטער עלטערן נאמען (פרינט) | פאסטער עלטערן אונטערשריפט | דאטום |

**אלע יונגווארג האבן די רעכט צו ערהאלטן דאקומענטן אין א צוגענגליכן און אויסגעוועלטן פארמאט.**